תלמוד תורה

# היכל הקודש

ברסלב - ירושלים

מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע

**בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א**

ג

פרשת משפטים תשפ"ב

# אַ בליק

## אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

בס"ד

## נייעס אין חדר

### אונזער גרויסקייט און שיינקייט

ברוך ה', עס איז שוין אריבער דריי וואכן זייט מען האט געעפנט דעם נייעם חדר דא אין ירושלים, און ווי געראכטן זעט מען גלייך ווי וויכטיג עס איז געווען, עס איז וואונדערליך צו זען וואס מ'קען אריינלייגן אין קינדער אין דריי וואכן, די קינדער אין חדר באקומען ברוך ה' א גוטע חינוך און א ריינע השקפה, זיי באקומען די לימודים פונעם הייליגן רבי'ן פון יונגווייז אן, דער געטרייער מלמד וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געשטעלט לייגט אריין אין די קינדער די לויטערע אמונה און די זיסע עצות פון דעם הייליגן רבי'ן, מען הערט כסדר צוריק פון די עלטערן ווי שיין און ווי גוט די קינדער פירן זיך אויף זייט זיי זענען אריין לערנען אין תלמוד תורה היכל הקודש, די קינדער לעבן מיט תפילה, זיי רירן זיך נישט אן תפילה, זייער גאנצע הלוך יילך איז איידל און דרך ארץ'דיג, מען דערקענט אויף זיי אז זיי געפונען זיך אין גוטע הענט, מען קען נישט מסביר זיין פאר א פרעמדן וואס דער ראש ישיבה שליט"א געבט אונז אין לעבן, מענטשן קענען נישט פארשטיין פארוואס עס פעלט אויס צו עפענען אליין א חדר, אבער אונז וואס אונז האבן שוין פארזוכט פון די אונגערישע ווין קען מען שוין נישט אפנארן, אונז ווילן איבערגעבן די זיסע שיינע לעבן פאר אונזערע קינדער און אייניקלעך און אזוי ווייטער, דער אייבערשטער זאל העלפן שיתקדש שם שמים על ידינו, אמן.

## פרנס השבוע

די הוצאות התלמוד תורה פון די וואך איז נתנדב געווארן דורך ידידינו היקר
מוה"ר **פנחס גליק** הי"ו
לזכר נשמת
הרה"ק רבי **יואל** בן רבי **חנניה יו"ט ליפא** זיע"א
**מסאטמאר**
דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס ברוחניות וגשמיות
בברכה
ההנהלה

## געלערנט די וואך

### טראכטן פון א צווייטן

דער מלמד האט גערעדט די וואך פון דעם וואס מ'זעט אין די פרשה אז אויב איינער האט חס ושלום גע'גנב'עט א אקס דארף ער צאלן פינעף אקסן אבער ווען איינער גנב'עט א שעפסעלע דארף ער צאלן נאר פיר מאל אזוי פיל, ווייל ווען ער האט געגאנב'עט די שעפסעלע האט ער עס געשלעפט אויף די אקסלען און ער איז געווארן פארשעמט דעריבער האט דער אייבערשטער געזאגט אז ער דארף צאלן נאר פיר מאל אזוי פיל, זעט מען פון דא אז אפילו אויב איינער איז א גנב, איינער פירט זיך נישט אויף ערליך דארפן אונז רחמנות האבן אויף אים און אים געבן א שיינע קונטרס אדער א שיינע גליון ער זאל קענען האבן א שיינע גוטע לעבן און ארויס גיין פון זיין שלעכט.

## א בילד פון חדר



די קינדער אין חדר נעמען שוין אויף די טייערע געסט פון מאנסי וואס זענען געקומען לערנען אין חדר זייענדיג אין ירושלים אויף א

## מעשיות פון תפילה

**דער חשוב'ער מלמד–** איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די צוויי טייערע קינדער אלעזר און שלום פריעדמאן וואס זענען געקומען לערנען ביי אונז זייענדיג אין ירושלים אויף א שמחה זאלן בלייבן אין ירושלים אויף נאך א וואך כדי איך זאל קענען אריינלייגן אין זיי מער אמונה און מער לימודים פונעם ראש ישיבה שליט"א, און שכ'ח אייבערשטער אז זייער טאטע ר' זושא האט אפגעשטופט די נסיעה מיט נאך א וואך, אזוי וועלן זיי קענען באקומען נאך פון די זיסע הייליגע לימודים.

**מרדכי פערל –** איין נאכט האב איך נישט געקענט איינשלאפן, איך האב זיך געמוטשעט אסאך צייט און נישט געקענט שלאפן, ביז איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען איינשלאפן און ש'כח אייבערשטער אז איך בין שנעל איינגעשלאפן.

**אלעזר פריעדמאן** – אונז האבן געהאט א פראבלעם מיט די וואסער אין אונזער דירה, עס האט נישט געארבעט גוט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל ארבעטן גוט, און ש'כח אייבערשטער אז ס'האט אנגעהויבן צו ארבעטן ווי עס דארף צו זיין

**מרדכי פאפנהיים** – איין נאכט האב איך זיך אויפגעכאפט אינמיטן די נאכט און איך האב נישט געקענט צוריק איינשלאפן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען צוריק אריינשלאפן און ש'כח אייבערשטער אז איך האב שנעל צוריק איינגעשלאפן

**שלום פריעדמאן** – איך האב געהאט שטארקע ציין ווייטאג, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די ווייטאג זאל אוועק גיין, און ש'כח אייבערשטער אז די ווייטאג איז אוועק.

**רפאל פאפנהיים –** איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין מאמע זאל מאכן א זופ מיט מאנדלעך, און ש'כח אייבערשטער מיין מאמע האט געמאכט א זופ מיט מאנדלעך.